# א באריכט איבער אידישע חינוך אין ניו יארק סטעיט

(2022-2025) תשפ"ב - תשפ"ה

מאטי ליכטענשטיין, PhD





Copyright © Matty Lichtenstein 2025
מאטי ליכטענשטיין © תשפ"ה

איסור השגת גבול

מ'מעג נאכמאכן אדער ציטירן איינצעלנע שטיקלעך מיט קרעדיט פון וואו מ'האט עס גענומען

די יידישע איבערזעצונג איז פארענדיקט געווארן דורך אן אנאנימען מיטארבעטער

דעקל בילד (בוך) פון: באב מערמלשטיין

דעקל בילד (וויזניץ חדר, ברוקלין ניו יארק) פון: דזשים הענדערסאן, תשע"ב

# אינהאַלט


קיצור 3
הקדמה 4
עקזיסטירנדיגע פארשונג 6
דאטן קוועלער און מעטאדן 7
אידישע שול־לערנפראָגראַמען: מעטאדאלאגיע 7
אידישע שול־פארבינדונג: מעטאדאלאגיע 8
שולע קאטעגאריעס 9
חסידישע סעקטע 10
רעזולטאטן וועגן ניו יארקער אידישע שולעס: געאגראפישע קאנצענטראציעס און סטודענטן באדינט 11
רעזולטאטן וועגן שולע לערנפלענער: פאַרשיידנקייט און דיווערגענץ 13
חסידישע און ליטווישע שולעס 13
מאדערן ארטאדאקסישע און קהילה שולעס 16
ווי סטודענטן פארברענגען זייערע טעג 17
געלערנטע טעמעס 18
רעזולטאטן וועגן רעליגיעזער פארבינדונג 20
חסידישע און ליטווישע שולעס 21
שולעס לויט געשלעכט 22
געאגראפישע דאטן 23
טעותים, אנקעטע קאנפליקטן, און לייזונג 24
דאטן באגרעניצונגען 25
מסקנא 26
רעפערענצן 27
אפענדיקס A: נאך דאטן טאבעלעס 28
אפענדיקס B: נישט-רעגיסטרירטע שולעס 30

**ליסטע פון טאבעלעס**

טאַבעלע 1. סומע און פראצענט פון ניו יארק סטעיט שולעס און איינשרייבונגען, לויט אידישער צוגעהער 11
טאַבעלע 2. שולעס אינטערוויואירט, לויט צוגעהער 12
טאַבעלע 3. אינטערוויואירטע שולעס, לויט קאונטי 13
טאַבעלע 4. מינימום וועלטליכע חינוך שעה (וועכנטליך) אין קלאסן 9-12, לויט צוגעהער, געשלעכט 18
טאַבעלע 5. צאל חסידישע שולעס און חסידישע סטודענטן 22
טאַבעלע 6. אידישע שולעס אין ניו יארק סטעיט, לויט געשלעכט 23
טאַבעלע 7. שולעס לויט אידישער קאטעגאריע און געשלעכט 23
טאַבעלע 8. צאל און פראצענט פון אידישע שול־סטודענטן לויט קאונטי 24
טאַבעלע 9. צאל קלאסן אינטערוויואירט, לויט רעליגיעזער צוגעהער און געשלעכט 28
טאַבעלע 10. פארטיילונג פון גרופירונגען לויט רעליגיעזער צוגעהער 28
טאַבעלע 11. אינטערוויואירטע קלאסן, לויט רעליגיעזער צוגעהער, סומע, און פראצענט 28
טאַבעלע 12. נומער און פראצענט פון אידישע שולעס לויט קאונטי 29
טאַבעלע 13. שולעס' רעליגיעזע צוגעהער, לויט קאונטי 29
טאַבעלע 14. נישט-רעגיסטרירטע אידישע שולעס, 2022-2023 (באשטעטיגט 2024-2025) 30

**ליסטע פון פיגורן**

פיגור 1. אידישע שולעס, לויט אפיליעישן 12
פיגור 2. שולעס אינטערוויוִירט, לויט אפיליעישן 12
פיגור 3 און 4. דורכשניטליכע וועכנטליכע וועלטליכע חינוך, לויט קלאַס און געשלעכט 15
פיגור 5 און 6. דורכשניטליכע וועכנטליכע אידישע חינוך, לויט קלאס און געשלעכט 15
פיגור 7. מינימום, דורכשניט, מאקסימום שעה פון וועלטליכער חינוך אין חסידישע אלל-מענער שולעס 17
פיגור 8. שולעס וואָס לערנען סייענס, לויט קלאַס, געשלעכט, און רעליגיעזער צוגעהער. 19
פיגור 9. שולעס וואָס לערנען סאציאלע שטודיעס, לויט קלאַס, געשלעכט, און רעליגיעזער צוגעהער 19
פיגור 10. צוגעלייגטע סעקולערע סוביעקטן געלערנט, לויט קלאס און געשלעכט 20

## קיצור

עס זענען דא בערך 550 שולעס רעגיסטרירט אלס "אידישע" אין ניו יארק סטעיט. די שולעס דינען סטודענטן פון א ברייטע קייט פון אידישע קהילות, פון אידיש-רעדנדיגע קינדער וואס האבן זעלטן צו טאן מיט פרעמדע ביז קינדער וואס פייערן סיי חנוכה סיי ניטל. טראץ זייערע אונטערשיידן, טיילן זיך אידישע שולעס מיט א התחייבות צו ערציען און ערנערן א נייע דור פון שטאלצע אמעריקאנער אידן. אבער היינטיגע שטודיעס דערציילן אונז ווייניג וועגן די שולעס חוץ גרונטליכע אדמיניסטראטיווע און אידישע אידענטיטעט דאטן.

כדי צו פארענטפערן דעם חסרון, האבן א גרופע פון 13 פארשער, אונטער דער דירעקטאריע פון ד"ר מאטי ליכטענשטיין, געארבעט אויף אן אינאוואטיוון, גרויס-מאסשטאביגן, געמישט-מעטאדן דאטן-זאמלונג פראיעקט איבער אידישער חינוך, וואס האט זיך אנטפלעקט אין צוויי טיילן:

1. מיר האבן אויפגעבויט אַן אויספירליכע דאַטאַבאַזע פון רעליגיעזע פארבינדונגען אויף אלע באשטעטיגטע אידישע שולעס אין די ניו יארק סטעיט חינוך דעפּאַרטמענט (NYSED) דאַטאַבאַזע פאר 2022-2023. מיר האבן קראס-רעפערענצירט דעם דאַטאַבאַזע מיט אנדערע עפנטליכע דאטן צוצושטעלן אינפארמאציע וועגן די שולעס' קאונטיס, תלמיד עלטער, און תלמיד געשלעכט.
2. מיר האבן אונטערגעשטראָכן די פארשיידנקייט און שוועריקייטן פון אידישער חינוך דורך א טיפער קוואליטאטיווער אויספארשונג פון לערנפלענער אין 171 קלאסן אין 85 ניו יארקער אידישע שולעס, וואס רעפרעזענטירן דעם פולן ספעקטרום פון אידישער רעליגיעזער פארבינדונג.

### א קורצע איבערבליק פון די שולעס:

- 544 אידישע שולעס דינען לפחות **180,914** סטודענטן, אַרײַנגערעכנט:
  - 36 ספרדישע שולעס (4.8% פון טאטאל), וואס דינען **8,688** סטודענטן, וואס שפּיגלען אפּ א קהילה וואס מע האט גאר פארזען אין פריערדיגע באריכטן.
  - 264 חסידישע שולעס (49% פון אידישע שולעס אין ניו יארק סטעיט), וואס באדינען לפחות **111,549** סטודענטן (61% פון אלע סטודענטן אין ניו יארק אידישע שולעס).
    - מיר האבן אידענטיפיצירט די ספעציפישע סעקטעס פון 232 (פון 264 אין טאטאל) חסידישע שולעס, אונטערשטרייכנדיג די קולטורעלע און חינוך־ווארִיאציע אין דער גרופּע.
- אידישע שול־סטודענטן זענען **14%** פון אלע (פובליק און פריוואטע) שול־סטודענטן אין ניו יארק סיטי, **45%** אין ראקלענד קאונטי, **25%** אין קינגס קאונטי, און **22%** אין ארענדזש קאונטי.
- לפחות 17 נישט-רעגיסטרירטע שולעס באדינען אולטרא-ארטאדאקסישע אידישע סטודענטן אין ניו יארק.

### וואס די שולעס לערנען:

- רוב אידישע שולעס זוכן צוצושטעלן אַ צווייפאכיגע לערנפלאן פון אידישער און וועלטליכער חינוך.
- אסאך חסידישע און עטליכע נישט-חסידישע שולעס פאר איגלעך גיבן זייער באגרעניצטע וועלטליכע חינוך: 14 אינגל הויכשולעס, און צוויי K-12 שולעס, שטעלן נישט צו קיין וועלטליכע שטודיעס.
  - אבער, עטליכע חסידישע אינגל הויכשולעס שטעלן יא צו סעקולערע לערנפראגראמען, און חסידישע "ספעשל-עד" סטודענטן באַקומען באַדייטנד מער סעקולערע שטודיעס ווי סטודענטן אין מעינסטריעם חסידישע שולעס.
- **100%** פון די אויסגעפרעגטע חסידישע שולעס וואס זענען געווען בלויז פאר מיידלעך, ווי אויך אלע מאדערן ארטאדאקסישע און קאמיוניטי שולעס פוןביידע געשלעכטער, לערנען מאטעמאטיק און ענגלישע שפראך.
- מער חסידישע שולעס לערנען סאציאלע שטודיעס ווי לערנען סייענס.

אין קורצן, לייגט דער באריכט דעם יסוד פאר א נייעם, געמישטן-מעטאדן, דאטן-אינטענסיוון צוגאנג צו פארשטיין אידישע חינוך אין ניו יארק. דערמיט שטרייכט ער אונטער די גרויסע פארשיידנקייט און די שוועריקייטן איבערן גאנצן ספעקטרום פון אידישע חינוך אין ניו יארק.

## הקדמה

אין 2022-2023, זענען געווען 554 שולעס רעגיסטרירט ווי "אידיש" אין ניו יארק סטעיט, וואס האבן באדינט לפחות 180,914 סטודענטן.[1] די שולעס דינען א ברייטע קייט פון אידישע קינדער, פון די מיט מינימאל אידישע פארבינדונג, וועמענס עלטערן שטעלן ווייסן קאלנער פראפעסיאנעלן הצלחה אלס א פריאריטעט, ביז אידיש רעדנדיגע קינדער פון קהילות וואס שעצן רעליגיעזע איבערגעגעבנקייט און ווארפן אפ א גרויסן טייל פון דער סעקולערער קולטור. וואס פאראייניגט די שולעס איז אַ פארפליכטונג צו ערציען די קומענדיגע דור פון אידישע ערוואקסענע וואס וועלן נאוויגירן דאס לעבן אין דער אמעריקאנער געזעלשאפט.

טראץ זייערע פארשידענע אידעאלאגיעס און פראקטיקעס, זאגן אונז די עקזיסטירנדיגע שטודיעס ווייניג וועגן די שולעס חוץ גרונטליכע אדמיניסטראטיווע און אידישע אידענטיטעט דאטן. מיר ווייסן נישט זייער ספעציפישע רעליגיעזע פארבינדונג אדער עטנישע אידענטיטעט, חינוך-נארמען, אדער די קולטורעלע און סאציא-עקאנאמישע באדערפענישן פון די סטודענטן וואס זיי באדינען. אונדז פעלט אויך אינפארמאציע וועגן די סוביעקטן וואס סטודענטן שטודירן און וועגן דער צייט וואס די שולעס זענען מקדיש צו לערנען וועלטליכע און אידישע חינוך. מיר ווייסן נישט צו און וואו די שולעס' חינוך-פראגראמען פארשיידן זיך לויטן געשלעכט פון די סטודענטן. צום סוף, רוב פארשונג טענדירט צו פארמישן חסידישע סעקטעס צוליב די ווייניג דאטן וועגן זייערע חינוך אדער קולטורעלע פארשיידנקייטן, און עס איז נישטא קיין פארשונג וועגן דער וואקסנדיגער צאל ספרדישע אידישע שולעס אין ניו יארק.

דער מאַנגל אין ניואנסירטער אינפארמאציע וועגן די שולעס שטעלט פאר שטערונגען פאר אידישע מחנכים, שול־אדמיניסטראטארן און פאליסי־מאכערס, וואס ווילן מאכן אינפארמירטע באשלוסן וועגן שול־קוריקולום, עפעקטיווע איסלערנען סטודענטן און פארשטיין ווי קוריקולארע נארמען זענען אנדערש אין דער אידישער וועלט. דער מאַנגל אין אינפארמאציע איז אויך פראבלעמאטיש פאר משפחות וואס זוכן שולעס וואס פאסן בעסט צו זייערע פערזענליכע, רעליגיעזע און חינוך באדערפענישן און האפנונגען. פאר משפחות איז די איסוואל פון דער "ריכטיגער" שול פארמאטיוו; שולעס זענען וויכטיגע פארמען פון סאציאליזאציע און חינוך־לעגיטימאציע אין דער גלאבאלער געזעלשאפט (מייער 1977; מייער און ראָוואַן 1978). פאר אידן ספעציעל שפילן די שולעס א וויכטיגע ראלע אין די אידענטיטעטן פון אידישע משפחות און פונקציאנירן ווי א וועג צו פארווירקלעכן זייער פארפליכטונג צו אידישער המשך (טשערטאַק און אנדערע 2007; פישמאן און גאלדשטיין 1993). גראדואנטן פון אידישע טאגשולעס, למשל, זאגן אפטער ווי אנדערע אידישע יונגע מענטשן אז זיי פילן זיך נאענט מיט דער אידישער קהילה און באריכטן אז זייער אידישע אידענטיטעט "איז זייער וויכטיג פאר זיי" (עפשטיין 2025).

אידישע שולעס זענען וויכטיג פאר מער ווי נאר אידן. אידישע שול־סטודענטן זענען 13.9% פון אלע (פובליק און פריוואטע שול) סטודענטן אין ניו יארק סיטי, און 8.8% פון אלע סטודענטן אין ניו יארק סטעיט, ווי אויך באדייטנדיגע פראָצענטן פון עטליכע קאונטיס (זעט טאבעלע 8).[2] זייערע חינוך-דערגרייכונגען וועלן פארמען זייערע צוקונפטיגע ביישטייערונגען צו אידישע און סעקולערע קהילות, די שטאַט'ס שטייערצאלער באזע, און זייערע איסגעקליבענע פראפעסיעס. דערצו, און אין קעגנזאץ צו די דאמינירנדע דעמאגראפישע טרענדס צו אראפגייענדיגע געבורט-ראטעס, דינען פולע פון די אידישע שולעס ארטאדאקסישע קהילות מיט הויכע פרוכטבארקייט ראטעס, מאכנדיג זיי די שנעלסט-וואקסנדיגע סעגמענט פון ניו יארק'ס חינוך-אינסטיטוציעס. אלס אַ באדייטנדיגע - און וואקסנדיגע - מינדערהייט אין שטאַט, זענען סטודענטן פון אידישע שולעס, און די חינוך וואס זיי באקומען, וויכטיג

[1] די צאָל איז געשטיגן צו 567 אין 2023-2024 און דערנאָך 583 אין 2024-2025. פאר ביידע יארן שפיגלען די נומערן נישט אפ די ווירקליכקייט אויף דער ערד; מיר האבן געפונען אז שולעס האבן געוויסע מאל געמאלדן פארשידענע אפטיילן ווי באזונדערע שולעס און אז עטליכע רעגיסטרירטע שולעס עקזיסטירן נישט; מיר האבן אבער אויך געפונען 17 נישט-רעגיסטרירטע שולעס אין אונזער פארשונג, ווי אויך שולעס וועמענס רעגיסטראציע נומערן זענען אונטערגעמאלדן.

[2] דאס ניו יארק סטעיט חינוך דעפארטמענט (NYSED) גיבט צו יערליכע דאטאבאזעס פון נישט-פובליקע שולעס און זייער רעליגיעזע צוגעהער, ווי אויך איינשרייבונג, געשלעכט, און אנדערע אדמיניסטראטיווע דאטן, ביי https://www.p12.nysed.gov/irs/statistics/nonpublic/. פובליק שולע איינשרייבונג דאטן איז פאראן פאר ניו יארק סטעיט ביי https://data.nysed.gov/ און ניו יארק סיטי ביי https://www.schools.nyc.gov/about-us/reports/doe-data-at-a-glance, אלע געלייענט 07/15/2025. צוזאַמען לאָזן די דאטן אונז אויסרעכענען די פראצענטן וואס ווערן דא געגעבן. באמערקט אז עס קען זיין עטלעכע סטודענטן וואס זענען נישט ארייַנגערעכנט אין די ליסטעס, אזוי ווי טשארטער שולע סטודענטן, און אז אידישע שולע סטודענטן זענען מסתמא אונטערגעמאָלדן.

נישט נאר פאר אידישע קהילות, נאר אויך פאר אינטערעסירטע פארטייען איבער ניו יארק, אריינגערעכנט פאליסי-מאכער און חינוך-באאמטע.

דער באריכט זוכט צו פילן די וויסן-שפאלטענעס דורך דאקומענטירן די רעזולטאטן פון צוויי גלייכצייטיגע דאטן-זאמלונג באמיאונגען. ערשטנס, האבן מיר געזאמלט דאטן וועגן די לערנפראגראמען פון 171 קלאסן אין 85 אידישע שולעס, געזאמלט דורך אינטערוויוען מיט שול-ארבעטער און נאענטע קרובים פון איצטיגע אדער לעצטנס איינגעשריבענע סטודענטן. די דאטן ערלויבן אונז צו אנאליזירן און פארגלייכן וויפיל צייט שולעס ווידמען צו וועלטליכער און אידישער חינוך, אריינגערעכנט צייט געווידמעט צו תפילה, און צו טשאַרטן די קייט פון לערנפראגראם נארמען צווישן שולעס פון איבערן רעליגיעזן ספעקטרום.

צווייטנס, האבן מיר אויסגעפארשט די ספעציפישע רעליגיעזע צוגעהער פון יעדער אידישער שולע אין ניו יארק, ניצנדיג קאטעגאריעס ווי ספרדיש, מאדערן ארטאדאקסיש, קהילה, אדער חסידיש - דאקומענטירנדיג די ספעציפישע סעקטע ווען מעגלעך. באזירט אויף די דאטן, האבן מיר באשאפן אן אויספירליכע און באשטעטיגטע דאטן-זאמלונג פון אלע 544 אידישע שולעס ועמענס עקזיסטענץ מיר האבן באשטעטיגט, וואס דעטאלירט יעדער שולע'ס רעליגיעזע צוגעהער, דעם געשלעכט פון די סטודענטן וואס ווערן באדינט (אינגלעך, מיידלעך, געמישט), איינגעשריבענע צאל, און ארט. דאס ערמעגליכט אונז צו ווייזן ווי באזונדערע טיפן רעליגיעזע שולעס זענען פארשפרייט לויט קאונטי און לויט סטודענטן געשלעכט איבער ניו יארק סטעיט. די דאטן-זאמלונג בויט אויף און קארעקטירט טעותים אין עקזיסטירנדע דאטן-זאמלונגען, און נעמט אריין שולעס וואס אנדערע דאטן-זאמלונגען לאזן אויס אדער מיס-קאטעגאריזירן.

אונזער פארשונג איז כולל די פאלגענדע הויפט רעזולטאטן:

חסידישע שולעס דאמינירן דעם ניו יארקער אידישן חינוך-לאנדשאפט, כאטש עס איז דא פארשידענע ווערייאציעס צווישן די קולטורעלע און חינוך-נארמען פון די חסידישע שולעס. מיר אידענטיפיצירן אויך 36 באזונדערע ספרדישע שולעס, וואס אונטערשטרייכן דעם וואוקס פון ניו יארקס ספרדישע קהילות, וועמענס קולטורעלע און עטנישע אונטערשיידן זענען לאנג פארזען געווארן אין דער אמעריקאנער אידישער פארשונג וועגן קהילה און חינוך. אויף דעם אופן, פארבינדט זיך דער פראיעקט מיט אנדערע באמיאונגען איבער דער אידישער וועלט צו באהאנדלען, אונטערשטרייכן און וויזואליזירן די ספרדישע ערפארונג.[3]

דורך א טיפע קוואליטאטיווע און קוואנטיטאטיווע דאטן אנאליז פון לערנפלענער אין אידישער חינוך, שטרייכן מיר אונטער די פארשיידנקייט און שווערקייטן פון אידישע חינוך אינסטיטוציעס אין ניו יארק. ספעציעל געפינען מיר אז מיידל שולעס - אריינגערעכנט חסידישע און ליטווישע (אולטרא-ארטאדאקסישע נישט-חסידישע) שולעס - ווי אויך געמישטע נישט-ארטאדאקסישע (קהילה) און מאדערן ארטאדאקסישע שולעס זוכן צוצושטעלן א באלאנסירטע און אפילו שווערע פראגראם פון אידישע און וועלטליכע שטודיעס. אין קאנטראסט, כאטש חסידישע אינגל שולעס זענען אנדערש אין זייערע לערנפלענער, שטעלן די גרויסע מערהייט פון חסידישע שולעס נישט צו קיין וועלטליכע שטודיעס בכלל אין קינדערגארטן און ערשטע קלאס אדער קלאסן 9-12, און שטעלן צו נאר באגרעניצטע וועלטליכע שטודיעס אין קלאסן 2-8. צוזאמען מיט אונזערע דאטן וואס ווייזן אז כמעט אלע די חסידישע שולעס דינען אינגלעך וועמענס הויפט שפראך איז אידיש, רופן די געפינסן אויס א זארג צו גראדואירטע זענען גענוג צוגעגרייט זיך אנצושליסן אין דער ברייטערער אמעריקאנער ארבעטסקראפט, היות זייער מאנגל אין ענגלישע קאמוניקאציע סקילס און יסודות'דיגע וויסן אין סייענס, היסטאריע, און מאטעמאטיק, וואס זענען חינוך-ערוואַרטונגען פאר אנדערע קינדער אין זייער עלטער איבער ניו יארק.

די באזונדערע געשלעכט-אונטערשיידן אין חינוך זענען וויכטיג פאר פילע סיבות, ספעציעל ווייל חסידישע שולעס זענען א וואקסנדיגע מערהייט פון אלע אידישע שולעס אין ניו יארק, און ווייל די קאנסעקווענצן פון אזא חסרון קענען שאטן די פינאנציעלע סטאביליטעט פון יונגע חסידישע מענער און זייערע משפחות (YAFFED 2025).[4]
אונזער באריכט ווייזט אבער אויך אז געוויסע חסידישע היכשולעס שטעלן טאקע צו באגרעניצטע וועלטליכע חינוך, און אז די שולעס זענען אנדערש אין די ספעציפישע לערנפאכן וואס זיי געבן און די שעהען וואס זיי פארברענגען אויף

[3] זעט למשל https://www.jimena.org/;https://pjlibrary.org/beyond-books/sephardic-stories-initiative , געלייענט 7/15/2025.

[4] דער מחבר פון דעם באריכט האט נישט געהאט קיין שייכות מיטן YAFFED 2025 באריכט.

### מיטאַרבעטער

א גרופע 13 פארשער האבן געהאָלפן מיטן

ד״ר רחל סאָמערשטיין, און

זיי צו לערנען. די רעזולטאטן פארלייקענען די אלגעמיינע מיינונג, פראמאטירט דורך מעדיע קאווערידזש פון דעם ענין, אז חסידישע שולעס זענען אלע גלייך קעגן יעדער ממשותדיקער וועלטליכער חינוך (שאפירא, ראזענטאל, און מארקאוויץ 2022).

אין קורצן, לייגט דער באריכט דעם יסוד פאר א נייעם, געמישטן-מעטאדן דאטן-אינטענסיוון צוגאנג צו פארשטיין אידישע חינוך אין ניו יארק. דערמיט שטרייכט ער אונטער די גרויסע פארשיידנקייט פון שולעס און לערנפראגראמען איבערן גאנצן ספעקטרום פון אידישע אינסטיטוציעס אין ניו יארק, וואו די גרעסטע צאל אידישע שולעס אין די פאראייניגטע שטאטן זענען קאנצענטרירט.

אין די רעשט פון דעם באריכט, וועלן מיר ערשט באשרייבן די מעטאדן גענוצט אין אונזערע צוויי גלייכצייטיגע דאטן זאמלונג פראיעקטן. מיר וועלן דערנאך באשרייבן די הויפט רעזולטאטן פון דעם קוריקולאר דאטן זאמלונג פראיעקט, און דערנאך די הויפט רעזולטאטן פון דעם רעליגיעזע צוגעהער דאטן זאמלונג פראיעקט. מיר וועלן אויך דערקלערן טעותים אין עקזיסטירנדע פארשונג וועגן אידישער חינוך וואס אונזער פראיעקט פאררעכט און ענדיגן מיט פארשלאגן פאר ווייטערדיגע פארשונג וואס בויט אויף דער דאטן אינפראסטרוקטור וואס מיר האבן אנטוויקלט פאר דעם באריכט.

### עקזיסטירנדיגע פארשונג

עקזיסטירנדיגע דאטן-זאמלונגען גיבן נאר באגרעניצטע דאטן וועגן אידישע שולעס, זייערע סטודענטן, און זייערע באדערפענישן. די ניו יארק סטעיט חינוך דעפארטמענט (NYSED) פראדוצירט א יערליכע ליסטע פון נישט-פובליק שולעס קאטעגאריזירט לויט ברייטע רעליגיעזע צוגעהער, ווי קאטוילישע, פראטעסטאנטישע, אידישע, אדער מוסולמענישע. די באגרעניצטע אדמיניסטראטיווע דאטן-זאמלונג שפיגלט אבער נישט אפ די ברייטע קולטורעלע און סאציא-עקאנאמישע אונטערשיידן אין דער אידישער געזעלשאפט.

א פרישער באריכט פון דער "טיטש קאאליציע" Teach Coalition, אן ארגאניזאציע וואס זוכט צו פארבעסערן אידישע חינוך, האט אידענטיפיצירט מער ספעציפישע רעליגיעזע צוגעהער פון די אידישע שולעס וואס זענען אויפגעליסטעט געווארן אויף דער NYSED ליסטע (אהרנסאן און קיוואַלאַ 2023). אבער עס האט דאס געטאן נאר בקיצור, ווי צום ביישפיל באשטימען צו א שולע איז א חסידישער, אָדער ארטאדאקסיש געמישטער אדער באזונדער פאר אינגלעך און מיידלעך. כאטש נוצלעך פאר זיין באלייכטנדיגער אויספארשונג פון לאנגיאָריקע רעגיסטראַציע טרענדס, כאפט דער ברייטער אנאליז פון דעם באריכט נישט די נואנסן פון באזונדערע רעליגיעזע אידענטיטעטן.

די AVI CHAI פאנדאציע, איידער זי האט אפגעשטעלט די פינאנצן אין 2019, האָט אַרויסגעגעבן פינעף אומאפהעניגיגע נאציאנאלע אנקעטעס פון ארטאדאקסישע שולעס; כאטש וויכטיג, שטימען די דאטן נישט מיט די חינוך־אינפארמאציע וואס ווערט געמאלדן צו NYSED.[5] און דעריבער איז עס נישט אקצעפטירבאר צו אונזערע ניו יארקספעציפישע פארשונג צילן (בעסער 2020). דערצו, גיבט AVI

---

[5] AVI CHAI ניצט נישט קיין אידענטיפיצירנדיגע אינפארמאציע וואס העלפט ארגאניזירן NYSED דאטן, ווי אינסטיטוציאנעלע אידענטיפיקאציע נומערן, וואס מאכן עס פיל גרינגער צו באשטעטיגן אז שולעס זענען יעצט אפן און רעגיסטרירט. די שולעס ווערן אליין געמאלדן צו דער אויספארשונג, און AVI CHAI ציילט נאר 437 אידישע טאג שולעס אין ניו יארק (לויט די לעצטע 2019 דאטן), בשעת NYSED ציילט 554 אין 2022. מיר פארדעכטיגן אז די דיסקרעפאנסי איז טיילוייז צוליב ווי אזוי שולעס זענען רעגיסטרירט אין ניו יארק – ד.ה. זיי מעגן רעגיסטרירן עלעמענטארע און פרי-שול קלאסן באזונדער מיט NYSED אבער AVI CHAI דאטן קאמבינירן זיי. עס איז אויך מעגליך אז AVI CHAI האט פשוט פארפעלט עטליכע שולעס.

CHAI נישט ארויס אירע דאטן, וואס פארמיידט טראנספארענטן און אפענעם צוטריט צו אינפארמאציע וואס קען העלפן עלטערן, עדוקאטארן און פאליסי-מאכער מאכן באשלוסן וועגן ווי אזוי צו פארבעסערן דעם חינוך.

צום לעצט, און וויכטיג, קיינער פון די דאטן-זאמלונגען נעמט נישט ספעציפיש אין באטראכט ספרדישע אדער באזונדערע חסידישע סעקטעס, אזוי איבערקוקנדיג וויכטיגע קולטורעלע און סאציאלע אונטערשיידן צווישן די שולעס און די קהילות וואס זיי דינען.[6]

## דאטן קוועלער און מעטאדן

דער באריכט באשרייבט די רעזולטאטן פון צוויי באזונדערע דאטן זאמלונג פראיעקטן:

### אידישע שול-לערנפראגראמען: מעטאדאלאגיע

כדי צו באקומען לערנפלאן דאטן וועגן שולעס, האבן מיר אינטערוויואירט מענטשן מיט דירעקטע און איצטיגע פארבינדונגען צו שולעס. צווישן זיי זענען געווען לערערס, אדמיניסטראטארן און אַנדערע שול ארבעטער; עלטערן אדער נאענטע ערוואקסענע קרובים פון רעגיסטרירטע סטודענטן און ערוואקסענע נייע גראדואנטן, אויב זיי האבן געקענט צושטעלן דאטן וועגן לערנפלענער פון נישט פריער ווי א יאר פאר דעם אינטערוויו. כאטש מיר וואלטן בעסער געוואלט סיסטעמאטיש און ראנדאמאל נעמען א מוסטער פון יעדן סוב־טיפּ רעליגיעזע שולעס, איז דאס נישט געווען מעגלעך פאר צוויי סיבות: 1) ביז מיר האבן פארעפנטלעכט אונזער דאטאסעט וועגן רעליגיעזער פארבינדונג אין דעם באריכט, האבן נישט עקזיסטירט קיין ארומנעמיקע דאטן וועגן דער רעליגיעזער פארבינדונג פון ניו יארקער אידישע שולעס, אזוי איז עס נישט געווען מעגלעך צו נעמען א פראספעקטיווע מוסטער פון זיי. 2) שולעס וואס רעפרעזענטירן קולטורעל־איזאלירטע קהילות, ווי חסידישע און ליטווישע קהילות, וועלן מסתמא נישט ענטפערן א פארשער וואס רופט זיי סתם אן און בעט ענטפערס אויף אן אנקעטע; דאס וואלט געפירט צו א נידעריגן ענטפער ראטע פון די קהילות וואס זענען די גרויסע מערהייט פון אידישע שולעס. מיר האבן דעריבער געניצט באקוועמליכקייט סעמפלינג, אבער מיר האבן זיכער געמאכט אז מיר האבן אויסגעקליבן גענוג פון יעדן טיפּ שול, אזוי אז אונזער מוסטער איז רעלאטיוו פראפארציאנעל צו די סארטן אידישע שולעס וואס עקזיסטירן איבערן גאנצן שטאַט. ספעציפיש, האבן מיר באוואוסטזיניג איבעריק געזאמלט אינטערוויוען וועגן חסידישע און ליטווישע שולעס, כדי אפצושפיגלען זייערע אומפראפארציאנעלע צאל אין דער באפעלקערונג פון אידישע שולעס אין ניו יארק. (זע טאבעלע 2 - *שולעס אינטערוויואירט לויט צוגעהער* אין די געפינסן סעקציע פאר מער פרטים.)

כדי צו דערגרייכן די אינטערוויואירטע, האבן מיר שטרענג טרענירט 13 פארשער מיט פארבינדונגען צו שולע אנגעשטעלטע און סטודענטן פאמיליע מיטגלידער. צווישן שפעט ווינטער 2023 און פרילינג 2025, האבן די פארשער ערפאלגרייך אינטערוויואירט 72 סוביעקטן, נאכפאלגנדיג א געשריבענעם פראטאקאל צו פארזיכערן אויסגעהאלטענע און פארלעסליכע ענטפערס. די אינטערוויואירטע האבן באקומען אבסאלוטע קאנפידענציאליטעט, מיט אידענטיפיקאציע נומערן געניצט אנשטאט נעמען. פון די 72 אינטערוויוס, האבן מיר באקומען קאמפרעהענסיווע אינפארמאציע וועגן לערנפלענער פאר 171 גאנצע קלאסן גענומען פון 85 אידישע שולעס. עטליכע אינטערוויואירטע זענען געווען קוואליפיצירט צו רעדן וועגן עטלעכע קלאסן און שולעס. כאטש די גאנצע צאל אינטערוויואירטע קלאסן האט איבערגעשטיגן 171, האבן מיר בעת דעם דאטן איבערבליק און רייניגונג פראָצעס אויסגעשלאסן אינטערוויו

---

[6] עס זענען אויך דא אנדערע שטודיעס וועגן אידישער חינוך אין ניו יארק און אנדערשוואו וואס געבן אינטערעסאנטע אבער נישט גענוג אינפארמאציע וועגן דעם ענין. צווישן זיי איז מאטי ליכטענשטיין וועגן רעליגיעזע שולע אדוואקאסי (ליכטענשטיין 2022); די YAFFED שטודיע וועגן אידישער חינוך אין ניו יארק (2017); און עטליכע שטודיעס וועגן אולטרא-ארטאדאקסישער חינוך אין ארץ ישראל (פערי-חזן, ברק-קורען, און נחמני 2024). די שטודיעס, כאטש וויכטיג, זענען באגרענעצט סיי מעטאדאלאגיש און סיי סובסטאנציעל - זיי זענען שטודיעס פון נאר אולטרא-ארטאדאקסישע שולעס, און כאפן נישט די פארשיידנקייט פון דעם אידיש חינוך-ספעקטרום אין ניו יארק.

דאטן אויב צו פיל דאטן האבן געפעלט.[7] (זעט טאַבעלע 9 אין אַפּענדיקס A פאר דער צאָל קלאס-ספּעציפישע אינטערוויוען לויט אידישער פארבינדונג און געשלעכט.)

יעדער קלאס פונקציאנירט ווי זיין אייגענע איינהייט פון אנאליז, מיט דאטן וועגן סוביעקטן, ווי אויך צייט פארבראכט אויף סעקולערע און אידישע שטודיעס. מיר האבן אויסגערעכנט טעגליכע מאדאלע שעהען און וועכנטליכע טאטאלע שעהען פאר סעקולערע און אידישע שטודיעס פאר יעדן קלאס. כדי צו אנאליזירן די דאטן עפעקטיוו, האבן מיר צעטיילט די קלאסן אין די פאלגנדיגע גרופּעס: קלאַסן K-1, 2-5, 6-8, און 9-12. (זעט טאַבעלע 10 אין אַפּענדיקס A פאר אַ צעטיילונג פון קלאס גרופּעס לויט אידישער פארבינדונג). מיר האבן זיי אנאליזירט לויט געשלעכט און רעליגיעזער פארבינדונג, ניצנדיג אַ געמיש פון פיטהאן און עקסעל פונקציעס, אויסצופארשן וואריאציע אין חינוך נארמען. מיר האבן געהאט 16 דופּליקאט אינטערוויוען (פון דער זעלבער קלאס אין דער זעלבער שולע), וואס האבן אפט געהאט קליינע וואריאציעס אין די דאטן. פאר אזעלכע דופּליקאט פאלן, האבן מיר אדער דורכשניטלעך געמאכט דעם חילוק אדער איבערגעקוקט די דאטן אפּצושאצן וועלכע איז געווען די מער פארלעסליכע מקור. מיר האבן אויך אינטעגרירט אוועילעבל דאטן פון NYSED, ווי די NYSED-אַרויסגעגעבענע SEDREF דאַטאַסעטן, וואס נעמען אריין אדרעסן און אנדערע דאטן פונקטן וועגן שולעס,[8] ווי אויך אנדערע עפנטליכע דאטן קוועלער. דאס האט אונז ערלויבט צו אנאליזירן געאגראפישע וואריאציעס אין אונזער מוסטער, און צו שאצן סטודענטן פאפולאציעס, צווישן אנדערע אנאליזן.

כדי צו אַדרעסירן זאָרגן אַז מיר האבן פארדרייט אונזערע רעזולטאַטן דורך אַרײַננעמען מאלטיפּול קלאַסן פון דער זעלבער שולע אין דער זעלבער גראדע גרופּירונג – למשל, גראדעס 2, 3 און 4 פון דער זעלבער שול – האבן מיר דורכגעפירט אַ צווייטיקע אַנאַליז, וואו מיר האבן אַרויסגענומען אלע גראדעס אַחוץ איין פון דער זעלבער שולע אין יענער גראדע גרופּירונג, אויב די לערנפּראָגראַמען וואס מיר האבן געלערנט זענען געווען אידענטיש. אבער, נאָך דעם ווי מיר האבן ווידער אַנאַליזירט די דאטן, האבן מיר נישט געפונען אַז אַרײַננעמען מאלטיפּול גראדעס פון דער זעלבער גראדעס גרופּירונג האָט באַדײַטנדיג באַאײַנפלוסט אונזערע רעזולטאַטן. דערפאר האבן מיר אָנגעהאַלטן אונזער אָריגינעלע אַנאַליז, וואס נעמט אין באַטראַכט אלע דאטן וואס זענען אונז געמאָלדן געוואָרן.

### *אידישע שול־פארבינדונג: מעטאדאלאגיע*

כדי צו באשטימען די אידישע צוגעהער פון די שולעס, האבן מיר צעטיילט אן עקסעל פייל מיט א רשימה פון אלע אידישע שולעס אין דער NYSED 2022-2023 דאַטאַסעט[9] צו 21 פארשער, און געבעטן זיי צו אידענטיפיצירן די שולעס' רעליגיעזע צוגעהער באזירט אויף זייער פערזענליכער וויסן. א פארשער'ס באשלוס אז א שולע איז "מאדערן ארטאדאקס", למשל, ציילט זיך אלס איין שטימע. דערנאך האבן מיר קאמבינירט די פיילס און זיי אפגעשאצט פאר גילטיגקייט. מיר האבן געקוקט אויף קאנפליקטירנדע דאטן און איבערגעקוקט די צאל שטימען וואס יעדע שולע האט באקומען - דאס הייסט, די באשלוס פון רעליגיעזער צוגעהער וואס פארשער האבן צוגעשטעלט פאר יעדער שולע. צוויי גלייכע שטימען זענען בכלל באטראכט געווארן גענוג פאר דאטן גילטיגקייט, ווי אויך דירעקטע אינפארמאציע פון דער שולע (אדער דורך שולע וועבזייטלעך אדער דורך טעלעפאנישן אינטערוויו). טיעטש קאאליציע דאטן האבן אויך געציילט אלס איין שטימע. יעדע אינצידענט פון קאנפליקטירנדע רעליגיעזע צוגעהער איז ארויסגעוויזן געווארן פאר ווייטערדיגע וואלידאציע, וואס מיר האבן באקומען דורך פארגלייכן מיט אנדערע קוועלער, אריינגערעכנט שולע וועבזייטלעך אדער אנדערע אנליין מאטעריאלן צוגעשטעלט דורך דער שולע, אדער דורך אנרופן שולעס פאר באשטעטיגונג.

אפשאצן די געשלעכט פון די סטודענטן וואס יעדע שולע באדינט האט געשטעלט באזונדערע שוועריקייטן. NYSED דאטן אידענטיפיצירן דעם געשלעכט פון סטודענטן וואס גייען אין א געוויסער שולע דורך באמערקן די צאל

---

[7] דאָס האָט אויך אַרײַנגענומען מאַכן עטליכע וואלידע הנחות צו אנפילן עטליכע פעלנדיגע דאטן. למשל, פאר עטליכע חסידישע הויך שולעס, האָט אונז געפעלט אינפאָרמאַציע וועגן פויזעס. באזירט אויף אַנדערע אינטערוויוען וואס האבן יאָ צוגעשטעלט די דאטן, האבן מיר קאָנסערוואַטיוו געשאַצט לפּחות 2 שעה ווערט פון לערן-פויזעס פאר אַ חסידישע הויך שולע, אַרײַנגערעכנט 45 מינוט פאר לאָנטש, 1 שעה פאר דאַווענען און 15 מינוט פאר אַנדערע פויזעס. מיר האבן אויך געשאַצט צייכנס פאר חסידישע שולעס וואס האבן נישט געהאט קיין צייכנס דאטן, אָדער האבן נישט גענוצט סטאַנדאַרט צייכנס סיסטעמען.

[8] זעט https://www.oms.nysed.gov/sedref/home.html , געלייענט 7/15/2025.

[9] זעט https://www.p12.nysed.gov/irs/statistics/nonpublic/ און https://www.oms.nysed.gov/sedref/home.html , געלייענט 7/15/2025.

פון זכר, נקבה, אדער נישט-בינארע סטודענטן אין יעדער קלאס. מיר האבן געזוכט צו אידענטיפיצירן דעם הויפט געשלעכט פון דער גאנצער שולע, ווי אדער נאר פאר מיידלעך (1), נאר פאר אינגלעך (2), אדער געמישט (3). מיר האבן געצויגן די אינפארמאציע פון די NYSED דאטן, אבער ווען מיר האבן פארגליכן די NYSED דאטן צו טיעטש קאאליציע דאטן, האבן מיר געפונען 42 שולעס וואו NYSED און טיעטש קאאליציע דאטן האבן קאנפליקטירט וועגן רעגיסטרירטע סטודענטן'ס געשלעכט.

מיר האבן איבערגעקוקט יעדע שולע צו טאפל-קאנטראלירן די געשלעכט פון די איינגעשריבענע סטודענטן. מיר האבן געפונען אז אין 35 פאלן האט NYSED קאטעגאריזירט שולעס מיט געמישטע פרי-K פראגראמען ווי קאָ-עד, אפילו אויב די איבעריגע קלאסן זענען געווען נאר מיידלעך אדער נאר אינגלעך. אין פארגלייך, האט טיעטש קאאליציע בכלל אידענטיפיצירט די שולעס ווי נאר מיידלעך אדער נאר אינגלעך, ווייל עס זענען געווען באדייטנד מער סטודענטן פון איין געשלעכט אין די עלטערע קלאסן ווי אין די יונגערע קלאסן. מיר האבן בכלל מסכים געווען מיט טיעטש קאאליציע'ס צוגאנג, אידענטיפיצירט די שולעס ווי נאר מיידלעך אדער נאר אינגלעך, און באמערקט אין די דאַטאַסעט אז די פרי-שולעס זענען קאָ-עד. מיר האבן אויסגעגליכן אנדערע קאנפליקטן איינס מיט א מאל, וואס האט געוויסע מאל געמיינט איבערשרייבן NYSED באצייכענונגען וואס זענען געווען לכאורה פאלש. (זעט "פעלער" אפטייל.) צום סוף, האבן מיר נישט געקענט זעלבשטענדיג באשטעטיגן די רעליגיעזע פארבינדונג פאר פיר שולעס, אזוי האבן מיר גענוצט טיעטש קאאליציע'ס באצייכענונגען פון חסידיש פאר יענע.

באַזירט אויף די דאטן, האבן מיר געקענט פארגלייכן רעליגיעזע פארבינדונג מיט קאונטי דאטן, צו באשטימען וואו פארשידענע טיפן רעליגיעזע שולעס זענען מערסט קאנצענטרירט. נאך דעם וואס מיר האבן דערהיינטיגט און קארעקטירט פאר פעלער אין געשלעכט אין די NYSED דאַטאַסעט, האבן מיר אנאליזירט דאטן לויט געשלעכט, וואס איז וויכטיג צוליב דעם וואס עטליכע גרופעס האבן באזונדערע חינוך פאדערונגען און קולטורעלע ערווארטונגען פאר מיידלעך און אינגלעך; דערוייל ווערן געמישטע שולעס, חוץ פרי-שול, בלויז אדמיניסטרירט פֿון מאדערן ארטאדאקסישע און ניט-ארטאדאקסישע. מיר האבן אויך אינטעגרירט NYSED קלאס דאטן צו ווייזן וועלכע קלאסן זענען אין יעדע שולע.

## שולע קאטעגאריעס

מיר האבן גענוצט די פאלגענדע באצייכענונגען אין ביידע דאַטאַסעטס - רעליגיעזע צוגעהער און לערנפלאן דאטן - צו קאטעגאריזירן אידישע שולעס.

- **קהילה:** די שולעס דינען קינדער פון פארשידענע אידישע הינטערגרונטן, אריינגערעכנט נישט-פרומע משפחות. עטליכע האבן איבערהויפט ארטאדאקסישע פירערשאפט; אנדערע נישט. לערנפראגראמען אינטעגרירן אידישן אינהאלט און העברעיש שפראך פעאיגקייטן.
- **קאנסערוואטיוו:** שולעס אינספירירט פון די פרינציפן פון קאנסערוואטיוון אידישקייט, וואס דינען אפט קינדער פון פארשיידענע רעליגיעזע הינטערגרונטן, פון משפחות וואס היטן פילע אידישע טראדיציעס ביז יענע מיט ווייניק רעליגיעזער באטייליגונג. מיר האבן דעפיניטיוו אידענטיפיצירט בלויז צוויי שולעס ווי קאנסערוואטיווע אין דער NYSED רשימה פון ניו יארקער אידישע שולעס, און מיר האבן נישט געזאמלט לערנפלאן דאטן וועגן די שולעס.
- **חסידיש:** די שולעס דינען חסידישע קהילות, וואס זענען געוויינליך צענטרירט ארום איבערגעגעבנקייט צו א רבי (גייסטיגער פירער), שטרענגע אפהיטונג פון אידישן געזעץ, און א קייט פון אייגנארטיגע קולטורעלע און געזעלשאפטליכע נארמען. וועלטליכע שטודיעס ווערן געוויינליך ווייניגער באטאנט ווי אין אנדערע סארט אידישע שולעס, ספעציעל פאר אינגלעך. כאטש פילע חסידישע שולעס זענען פארבונדן מיט א ספעציפישער חסידישער סעקטע, דינען עטליכע חסידישע שולעס א געמיש פון חסידישע משפחות, אדער משפחות וואס זען זיך ווי בכלל חסידיש, וואס זענען נישט פארבונדן מיט א ספעציפישער סעקטע.
- **ליטוויש:** דאס איז די קאטעגאריע וואס אנקעטעס ווי "AVI CHAI" באצייכענען אלס "ישיבה וועלט". מיר גלייבן אבער אז "ליטוויש" איז א מער היסטאריש גענויער טערמין, איינער וואס ווערט געוויינליך גענוצט אין דער קהילה, צו באשרייבן דעם ברייטן אולטרא-ארטאדאקסישן, אבער נישט-חסידישן, סעגמענט פון ארטאדאקסישער אידישער געזעלשאפט אין די פאראייניגטע שטאטן. שולעס אין דעם קאטעגאריע האלטן זיך צו א שטרענגער דעפיניציע פון אידיש געזעץ ווי עס ווערט אינטערפרעטירט דורך געלערנטע וואס שטאמען

פון ליטווישע ישיבות; זיי שעצן תלמודישע געלערנטע אין דער ליטווישער טראדיציע און ראשי ליטווישע אדער ליטוויש-סטיל ישיבות; און זיי פלעגן אנבאטן א געמיש פון וועלטליכע און אידיש שטודיעס. אבער געוועגליך איז דא מער א טראפ אויף רעליגיעזע שטודיעס אין אינגל שולעס, ספעציעל הויכשולעס. קאלעדזש אטענדענס איז מער געוועגליך ווי אין חסידישע קהילות. כאטש זיי שטיצן שטארק דעם מדינת ישראל, זענען זיי בכלל נישט ציוניסטיש אין אידעאלאגיע אויף דעם אופן פון מאדערן ארטאדאקסישע שולעס. זיי האבן אויך פיל שטרענגערע קליידונג כללים, ענליך צו חסידישע שולעס.[10]

- **מאדערן ארטאדאקס:** די שולעס גייען נאך טראדיציאנעלע ארטאדאקסישע אינטערפרעטאציעס פון אידישן געזעץ און פראמאטירן טיפע גלויבונגען אין רעליגיעזן ציוניזם און א פארבינדונג צום מדינת ישראל. אין פארגלייך מיט חסידישע און ליטווישע קהילות, זענען מאדערן ארטאדאקסישע אידן געוועגליך מער ליבעראל וועגן סאציאלער און אקאדעמישער געשלעכט-מישונג, און זיי ווייזן מער אפענהייט צו סעקולערער קולטור און נארמען. די שולעס לייגן א שטארקן טראפ אויף סעקולערע שטודיעס און האבן הויכע קאלעדזש-אטענדענס ראטעס, און זייערע גראדואירטע אטענדען מער אפט סעקולערע קאלעדזשעס ווי יענע פון אנדערע טיפן ארטאדאקסישע שולעס.[11]
- **רעפארם:** שולעס אינספירירט פון די פרינציפן פון רעפארם אידישקייט וואס דינען קינדער פון א קייט פון רעליגיעזע הינטערגרונטן. עס איז דא נאר איין שולע וואס מיר קענען דעפיניטיוו אידענטיפיצירן ווי רעפארם אין דער NYSED רשימה, און מיר האבן נישט געזאמלט לערנפלאן דאטן וועגן דער שולע.
- **ספרדישע:** די שולעס דינען ספעציפיש מיטגלידער פון ספרדישע (אויך באקאנט אלס מזרחי) קהילות, וואס שטאמען בכלל פון קהילות צווישן פארשידענע לענדער אין מיטל מזרח און צפון אפריקע. זיי גייען נאך טראדיציעס אנדערש פון אשכנזישע אידן, וואס מאכן אויס די גרויסע מערהייט פון די שולעס אין די אנדערע קאטעגאריעס. רוב פון די קהילות וואס די שולעס רעפרעזענטירן האלטן זיך צו ארטאדאקסישע אינטערפרעטאציעס פון אידישן געזעץ, מיט א ספעציעלן פאקוס אויף די פסקים פון ספרדישע אויטאריטעטן. פילע פון די שולעס אין דעם דאטן זאמלונג דינען סירישע קהילות, אבער אנדערע דינען בוכארישע, פערסישע, און אנדערע ספרדישע אידן. באמערקט אז ספרדישע אידן גייען אויך אין נישט-ספרדישע שולעס.
- **אנדערע:** די קאטעגאריע דעקט א געמיש פון שולעס וואס פאסן נישט גוט צו די אנדערע קאטעגאריעס; זיבן פון זיי זענען רעליגיעזע קירוב שולעס, וואס קאנצענטרירן זיך אויף פארגרעסערן רעליגיעזע אויפפירונג פון זייערע סטודענטן.
- **ספעשל-עד:** אין די לעצטע יארצענדלינגען, ווי פעדעראלע און שטאַטלעכע געלטער זענען געוואקסן פאר חינוך פאר קינדער מיט פארשידענע פעהיגקייטן, זענען נייע שולעס געגרינדעט געווארן צו באדינען די פאפולאציעס. פיל פון די שולעס באדינען אולטרא-ארטאדאקסישע קהילות, אבער עטליכע באדינען מאדערן ארטאדאקסישע אדער ספרדישע קהילות, אדער סטודענטן פון פארשיידענע אידישע הינטערגרונטן.

## חסידישע סעקטע

מיר האבן צוגעשטעלט א סוב-קאטעגאריע פון רעליגיעזער צוגעהער פאר חסידישע שולעס: חסידישע סעקטע. מיר האבן דאס געטאן צוליב וואריאציעס צווישן די רעליגיעזע און געזעלשאפטליכע פראקטיקעס פון די סעקטעס, ווי אויך די ברייטקייט פון זייערע חינוך און לערנפראגראם נארמען. מיר האבן אידענטיפיצירט יעדער שולע'ס חסידישע סעקטע ווען מעגלעך. אויב די שולע באדינט אדער א געמיש פון משפחות פון באזונדערע חסידישע סעקטעס, אדער אידן וואס אידענטיפיצירן זיך ווי אלגעמיין חסידיש, אן א ספעציפישע חסידישע באצייכענונג, אינדענטיפיצירן מיר די שול ווי "געמישט חסידיש".

---

[10] א ספעציפישע צוטיילונג וואלט געוועון צו אונטערשיידן צווישן די מער רעליגיעזע "ישיבישע" קעגן צענטריסטישע ליטווישע, מיט אסאך ישיבישע אינגל ישיבות וואס שלאגן פאר א פיל מער באגרעניצטע סעקולערע שטודיעס פראגראם. מיר האבן אבער נישט געזאמלט דעם מדרגה פון רעליגיעזע צוגעהער דאטן אין דעם באריכט.

[11] דער AVI CHAI פונדאציע באריכט מאכט אן אונטערשייד צווישן מאדערן ארטאדאקסן און צענטריסטישע ארטאדאקסן, וואס די באריכט טוט נישט. ווי דער מחבר פון דעם לעצטן באַריכט (2018-2019) באַמערקט, אבער, איז די קאטעגאריע פון צענטריסטישע ארטאדאקסיע מערסטנס פארשוואונדן געווארן. אזעלכע שולעס ווערן יעצט באטראכט אדער ווי מער צענטריסטישע ליטווישע אדער מאדערן ארטאדאקסישע שולעס (בעססער 2020).

## רעזולטאטן וועגן ניו יארקער אידישע שולעס: געאגראפישע קאנצענטראציעס און סטודענטן באדינט

חסידישע שולעס דאמינירן אידישע שולעס אין ניו יארק, סיי אין צאל שולעס און סיי אין סטודענטן איינגעשריבן. די דאמינאנץ קומט ארויס אין אונזערע רעזולטאטן, געוויזן אין טאַבעלע 1 און פיגור 1, וואס ווייזן די 544 שולעס פאר וועלכע מיר האבן באשטעטיגט אידישע צוגעהער.[12] ליטווישע שולעס גייען ווייט נאך, מיט מאדערן ארטאדאקסישע שולעס, ספרדישע שולעס, און ספעשל-עד שולעס (פילע פאר אולטרא-ארטאדאקסישע סטודענטן) דערנאך. די שולעס באדינען 180,914 סטודענטן, א צאל וואס מיר האבן גענומען פון NYSED דאטן און וואס איז מסתמא אן אונטערשאצונג, צוליב אונטער-רעפארטינג וואס מיר האבן באשטעטיגט אין עטליכע שולעס.[13]

אונזער אינטערוויו מוסטער איז לערנפראגראמען פאר 171 קלאסן אין 85 שולעס, ווי געוויזן אין טאבעלע 2 און פיגור 2, שפיגלט אפ די פראפארציעס. חסידישע שולעס (45.9%) און ליטווישע שולעס (25.9%) זענען אין דער פירערשאפט; מאדערן ארטאדאקסישע (14.12%) און (4.71%) קהילה שולעס זענען א ביסל איבער-רעפרעזענטירט, ווייל מיר האבן געוואלט זיכער מאכן אז מיר זאמלען דאטן אויף א פאַרשיידנקייט פון שולעס אין יעדער קאטעגאריע, אריינגערעכנט די קלענערע. מיר האבן אויך געזוכט, מיט פארשידענע גראַדן פון הצלחה באטראכטנדיג די נאטור פון די מוסטערונג מעטאד, צו אינטערוויוארן סוביעקטן מיט אינפארמאציע אויף א ברייט קייט פון קלאסן און געשלעכטן. (זעט אפענדיקס A, טאבעלעס 9, 10 און 11, פאר מער פרטים וועגן די געשלעכט און קלאס קייט אין יעדער רעליגיעזער פארבינדונג וואס מיר האבן שטודירט.)

*טאַבעלע 1. סומע און פראצענט פון ניו יארק סטעיט שולעס און איינשרייבונגען, לויט אידישער צוגעהער*

| Jewish Affiliation | Total Schools | Percent Schools | Student Enrollment | Percent Enrollment |
|---|---|---|---|---|
| Chabad Community | 6 | 1.10% | 513 | 0.28% |
| Community | 17 | 3.13% | 4,394 | 2.43% |
| Conservative | 2 | 0.37% | 674 | 0.37% |
| Hasidic | 264 | 48.53% | 111,549 | 61.66% |
| Modern Orthodox | 46 | 8.46% | 15,094 | 8.34% |
| Other | 11 | 2.02% | 1,571 | 0.87% |
| Reform | 1 | 0.18% | 319 | 0.18% |
| Sephardic | 36 | 6.62% | 8,688 | 4.80% |
| Litvish | 129 | 23.71% | 33,039 | 18.26% |
| Litvish-Hasidic (mixed) | 6 | 1.10% | 3,480 | 1.92% |
| Special Education | 26 | 4.78% | 1,593 | 0.88% |
| **Total** | **544** | **100.00%** | **180,914** | **100.00%** |

[12] זעט די "טעותים און לייזונג" סעקציע וועגן די שולעס וואס מיר האבן געפונען זענען אדער פארמאכט אדער נישט-אידיש. זעט אויך נאטיץ 1 אויבן פאר מער פרטים וועגן דער צאל שולעס.

[13] די איינשרייבונג שאצונג איז העכער ווי די טיטש קאאליציע שאצונג פון 177,252 סטודענטן איינגעשריבן אין אידישע שולעס אין 2021, טיילווייז צוליב נאטירליכן וואוקס און טיילווייז ווייל מיר האבן אריינגענומען די קליינע צאל "נישט-געצייכנטע" סטודענטן וועלכע האבן נישט באקומען א ספעציפישע צייכן, וואס טיטש קאאליציע האט נישט געטאן (אהרנסאן און קיוואלא 2023: 8). די סטודענטן זענען געוויסע איינגעשריבן געווארן אין ספעשל-עד שולעס וואס ניצן נישט סטאנדארט צייכן.

*פיגור 1. אידישע שולעס, לויט צוגעהער*




*פיגור 2. שולעס אינטערוויואירט, לויט צוגעהער*




*טאַבעלע 2. שולעס אינטערוויואירט, לויט צוגעהער*

| Jewish Affiliation | Schools Interviewed | Percent |
|---|---|---|
| Community | 4 | 4.71% |
| Hasidic | 39 | 45.88% |
| Litvish | 22 | 25.88% |
| Litvish-Hasidic (mixed) | 1 | 1.18% |
| Modern Orthodox | 12 | 14.12% |
| Sephardic | 3 | 3.53% |
| Special Ed | 4 | 4.71% |
| **Total** | **85** | **100.00%** |

*טאַבעלע 3. שולעס אינטערוויואירט, לויט קאונטי*

| County | Interviewed Schools | Percent |
|---|---|---|
| Bronx | 1 | 1.18% |
| Kings | 44 | 51.76% |
| Nassau | 5 | 5.88% |
| New York | 3 | 3.53% |
| Onondaga | 1 | 1.18% |
| Orange | 7 | 8.24% |
| Queens | 4 | 4.71% |
| Richmond | 1 | 1.18% |
| Rockland | 15 | 17.65% |
| Sullivan | 3 | 3.53% |
| Westchester | 1 | 1.18% |
| **Total** | **85** | **100.00%** |

ווי געוויזן אין טאבעלע 3, שטימט די געאגראפישע פארשפרייטונג פון אונזער אינטערוויו מוסטער מיט די קאנצענטראציעס פון אידישע שולעס אין ניו יארק (זעט טאבעלע 8 אונטן): 52% פון די שולעס אין דער אינטערוויו מוסטער זענען אין קינגס קאונטי, ענליך צו די 50% פון דער גאַנצער NYSED באפעלקערונג וואס געפינט זיך אין קינגס; 18% פון דער אינטערוויו מוסטער איז אין ראקלענד, פונקט ווי 20% פון דער NYSED דאַטאַסעט וואס געפינט זיך אויך דארט. קינגס, ראקלענד, און ארענדזש קאונטיס זענען אויך געווען די קאונטיס, סיי אין אונזער פארשונג און סיי אין די NYSED דאטן, מיטן העכסטן פראפארציע פון חסידישע שולעס.

ליידער האבן מיר נישט פולשטענדיגע אינפארמאציע וועגן וויפיל סטודענטן ווערן רעפרעזענטירט דורך די אינטערוויוס וועגן לערנפלאן, ווייל NYSED האט נישט געהאט קיין סטודענטן דאטן אויף 29 פון די 171 קלאסן. מיר ווייסן אז די דאטן שטימען מיט די חינוך-ערפארונגען פון לפחות 6,415 סטודענטן, פון וועלכע 2,454 (38%) גייען אין חסידישע שולעס, 1,369 (21%) גייען אין ליטווישע שולעס, און 1,867 (29%) גייען אין מאדערן ארטאדאקסישע שולעס. נאכאמאל, ווייל מיר פעלן אזויפיל סטודענטן באפעלקערונג דאטן, זענען די ציפערן מסתמא באדייטנדע אונטערשאצונגען, ספעציעל פאר די חסידישע און ליטווישע שולעס. די מאדערן ארטאדאקסישע ציפערן זענען אויך העכער, פראפארציאנעל, ווי ערווארטעט פאר אונזער מוסטער, מעגליך ווייל די שולעס זענען מער נוטה צו באריכטן גענוי איינגעשריבענע סטודענטן, צוליב זייער אידעאלאגישע איבערגעגעבנקייט זיך צו פארבינדן מיט די סעקולערע און אידישע וועלטן.

## רעזולטאטן וועגן שולע לערנפלענער: פארשיידנקייט און דיווערגענץ

רוב אידישע שולעס, פון קהילה ביז חסידישע מיידל שולעס, באטן אן אַ צווייפאכיגן לערנפלאן פאר אלע אדער רוב קלאסן. די לערנפלענער פון די שולעס שפיגלען אפ די צווייפאכיגע און עפעס קאנקורירנדיגע ערווארטונגען וואס זענען פארבונדן מיטן אויסלערנען אידישע יוגנט און סאציאליזירן זיי אין זייערע אידישע אידענטיטעטן: לערנען ווי און וואס עס מיינט צו זיין א איד; זיך באשעפטיגן מיט אידישער געשיכטע, טעקסטן און געזעץ; באקומען לייענען, שרייבן און רעדן־פעהיגקייטן אין דער העברעישער שפראך; און אנטוויקלען פעהיגקייטן אין קריטישן טראכטן, מאטעמאטיק, סייענס און ענגליש שפראכיגן לייענען און שרייבן.

## חסידישע און ליטווישע שולעס

חסידישע אינגל שולעס זענען אן אויסנאם. כאטש זיי שטעלן צו סעקולערע און אידישע לערנפראגראמען אין רוב עלעמענטארע חינוך (בערך קלאסן 2-7, כאָטש עס בייט זיך לויט שולע), שטעלן פילע נישט צו קיין סעקולערע

שטודיעס אין קינדערגארטן אדער הויכשול. לפּחות צוויי חסידישע שולעס - סאַטמאַר בלומינגבורג אין ארענדזש קאונטי און אהלי תורה אין קינגס קאונטי - שטעלן נישט צו קיין סעקולערע שטודיעס פאר סטודענטן פון קיין עלטער.[14] דערצו האבן מיר געפונען אז די הויפּט שפראך פאר רוב חסידישע סטודענטן—אין 56 פון 59 חסידישע קלאסן אין אינגל שולן אין אונזער שטודיע—איז אידיש. דאס מיינט אז סטודענטן מיט שוין באגרעניצטע שפראך פעהיגקייט באקומען מינימאלע ביז נישט קיין שפראך פעהיגקייט חינוך. דער מאנגל אין וועלטליכער חינוך שאפט מעגליכע שטערונגען צו חסידישע סטודענטן'ס סקילס אנטוויקלונג, וואס רעזולטירט אין ווייניגער געלעגנהייטן פאר עקאנאמישע מאביליטעט. ווי געוויזן אין א לעצטיגן באריכט, וואס ניצט א רעפּרעזענטאטיוון מוסטער צו אנאליזירן עקאנאמישע רעזולטאטן אין חסידישע קהילות, האבן חסידישע מענער נידעריגערע מדרגות פון ענגליש שפראך קענטעניש, נידעריגערע דורכשניטליכע הכנסה, און העכערע ראטעס פון אונטער-באשעפטיגונג ווי נישט-חסידישע מענער (יאפּעד 2025).

אזעלכע דאטן זענען סימבאליש פאר א באדייטנדיגע קולטורעלע פּראגע: די געשלעכט-באגרענעצונג פון חינוך. כאטש קהילה און מאדערן ארטאדאקסישע שולעס מישן געווענליך מענער און פרויען סטודענטן (כאָטש מאדערן ארטאדאקסישע שולעס זענען א מאל נאר פאר אינגלעך אדער נאר פאר מיידלעך, און אפילו די געמישטע מאָדערן ארטאדאקסישע שולעס קענען אנבאטן עטליכע סוביעקטן באזונדער), זענען חסידישע און ליטווישע שולעס טיפּיש צעטיילט לויט געשלעכט. די צעטיילטע שולעס שפּיגלען אפּ די קהילות'ס שטארק געשלעכט-באגרענעצטע געזעלשאפטליכע ראלעס. תורה-לערנען ווערט ספּעציעל געזען ווי נאר א מענערישע פליכט, וואס האט א השפּעה אויף די לערנפּלאן וואס די שולעס באטן אן צו אינגלעך און מיידלעך, בהתאמה. מיידלעך, אין קאנטראסט, ווערן ערווארטעט צו לערנען געניג אידישע שטודיעס צו געבן זיי די מעגליכקייט צו זיין באהאוונט אין אידישער פּראקטיק און די באדייטונגען הינטער די פּראקטיקעס, ווי א טייל פון זייער פליכט איבערצוגעבן באדייטנדיגע אידישע ווירדן צו זייערע (צוקונפטיגע) קינדער.

די געשלעכט-באזירטע ערווארטונגען פון חינוך-דערגרייכונגען אין חסידישע און ליטווישע שולעס זענען באזונדערס קלאר אין די עלטערע קלאסן. צווישן עלטערע סטודענטן אין חסידישע און ליטווישע אינגל שולעס, פארגרעסערט זיך באדייטנד די צייט וואס מען פארברענגט אויף אידישע שטודיעס און די צייט וואס מען ווידמעט צו וועלטליכע שטודיעס פארקלענערט זיך גאנץ שטאַרק, ווי מען קען זען אין פיגורן 3-4 פאר וועלטליכע שטודיעס און פיגורן 5-6 פאר אידישע שטודיעס. (צוליב דעם וואס רוב מאדערן ארטאדאקסישע און אלע קהילה שולעס זענען געמישט, וואלט עס זיך נישט געלייגט אויפן שכל צו פארגלייכן חסידישע שולעס צעטיילט לויט געשלעכט צו בלויז מאדערן ארטאדאקסישע שולעס צעטיילט לויט געשלעכט, ווייל די לעצטע זענען רעלאטיוו זעלטן און נישט רעפּרעזענטאטיוו צווישן מאדערן ארטאדאקסישע קהילות. מיר האבן דעריבער אריינגענומען געמישטע שולעס - כאָטש זיי רעפּרעזענטירן בלויז מאדערן ארטאדאקסישע און קהילה שולעס - און שולעס וואָס זענען צעטיילט לויט געשלעכט אין דער אַנאַליז אונטן.)

[14] מיר האבן באקומען דאטן וועגן מוסדות סאטמער בלומינגבורג אלס טייל פון אונזער דאטן זאמלונג פּראיעקט. דער לערנפּלאן אין אהלי תורה אין ברוקלין איז דאקומענטירט אין דעם בריוו פון דעם ניו יארק סיטי קאנצלער צו דער שולע, דאטירט דעם 30סטן יוני 2023, אין וועלכן די שולע איז געמאלדן געווארן אלס א שולע וואס גיבט נישט קיין ממשותדיקע וועלטליכע חינוך און איז באטראכט געווארן אלס נישט-עקוויוואלענט (חכימי 2023; שאפּירא און ראזענטאל 2023; אריגינעלער בריוו אין דער מחבר'ס פּריוואטער זאמלונג).

*פיגור 3 און 4. דורכשניטלעכע וועכנטליכע וועלטליכע חינוך, לויט קלאס און געשלעכט*







